
גליקס-פערגעסענע

אַ דראַמא אין 1 אַקט

פון

דוד פינסקי.



וואַרשא. תרס"ח.

דרוק י. עדעלשטיין, נאַלעווקי 38.

ГЛИКСФЕРГЕСЕНЕ.

Тип. И. Эдельштейна, Варшава, Налевки 38.

190[illegible].

פּערזאָנען:

פַאנֶיע סֶעגַאל: אייגענטימערען פֿון אַ שניידערייִ.

ליזֶע עֶהרליך: אַ מוזיקערין, } וואוינען ביי איהר אין שכנות.

הינֶדעס: אַ לעהרער, } וואוינען ביי איהר אין שכנות.

אָרט: אַ רוסישע פּראָווינץ־שטאָדט. צייט: די איצטיגע.

דאָס אַרבּייט-ציִמער בּיי פֿאַניע סעגאַל. איין טהיר לינקס פֿון פּובּליקום, אַ צווייטע—אין הינטער-גרונד. מעהר צום פּאַרענט אַ גרויסער טיש, פֿערוואָרפֿען מיט אַרבּייט וואַכען; צוויי נייהמאַשינען פֿון בּיידע זייטען טיש, בּיי דער רעכטער וואַנד אַ פֿליעגעל-שפּיגעל, צום ווינקעל צו אַ גרויסער קאַמאָד. נישט ווייט פֿון איהם צוויי פֿיגורען (מאַנעקענעם) מיט מאַנטלען אויף זיי. מעהר צום מיטען סצענע אַ גרויסער לעדערנער לעהנשטוהל. — אָוועגד, עס בּרענט פֿייער.



פֿ אַ נ י ע: (לויפט אַרויס פון דער הינטער=גרונד=טהיר און קומט באַלד צוריק אַריין מיט אַ בריעף אין די הענד. זי רייסט איהם נערוועז אויף און פערט־עפּט זיך אין לייענען. באַלד שרייט זי אויס פאַר ענטציקונג) אָ — אָ! (פיהרט זיך מיט דער האַנד איבער דאָס געזיכט און די האָר, קוקט אריין אין בריעף, שרייט ווייעדער אוים, אָטהעמט שווער, קוקט ווידער אין בריעף און רעדט שווער ארוים:) דו, ליעבער, ליעבער! (פערזינקט אַ ווייל'ע אין געדאַנקען און באַלד הויבט זי אָן צו רופען) ליזע! ליזע! ליזע!

ל י ז ע: (קומט אַריין אוים-געפוצט ווי צו אַ באַל, אַריינשטעקענדיג אַ נאָדעל אין היטעלע, מאַכט איהר נאָך). וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

פֿ אַ נ י ע: לייען! אויף גיך! דאָס איז פון בערמאַנען.

ל י ז ע: (נעהמענדיג דעם בריעף) זעהסט, מיר האָבען ערשט גערעדט, אָנגענומען טאַקע זיין דראַמע? (קוקט אין בריעף)

פֿ אַ נ י ע: קוקט איהר נאָך אין גרוים אויפרעגונג.

ל י ז ע (לייענענדיג) אָ, פֿיין! (קעהרט איבער אַ זייטעל, לייענט ווייטער). אָ הו, דאָס איז דאָך אַן'איינפֿאַכע ערקלערונג אין ליעבע! פֿאַניע, פֿאַניטשקע!

פֿ אַ נ י ע: (מיט אַ פֿון פֿרייד פֿערחאַפּטען אָטהעם). האָסט דו עס אויך אַזוי פֿערשטאַנען?

ל י ז ע: (אַריינקוקענדיג אַל'ץ אין בריעף) ווי קאָן מען דען אַנדערש פֿערשטעהן? (קלויבט זיך צו לייענען אויפ'ן קול).

אַ הוס ... (לייענט הויך מיט א געוויסער פֿייערליכקייט).
„מיין דראַמע איז אָנגענומען געוואָרען און וועט געשפּיעלט ווערען נאך היינטיגען ווינטער, די בעדינגונגען זענען אויסגעצייכענטע און דער דירעקטאָר פֿערשפּרעכט, מיר אַ גרויסען ערפֿאָלג און פֿאַרבייגעהענדיג אַ גרויסען נאָמען": (לייענט אונטער דער נאָז, דורכלאָזענדיג עפּיס און באלד ווייעדער הויך) „אַך, איהר האָט מיך געדאַרפֿט איצט זעהן. — איך האָב מיך אַזוי צו־זונגען און צו טאַנצט, אַז עס וועט זיין אַ ־וואונדער, אויב מען וועט מיך נישט משלח זיין פֿון דער דירה, איך פֿיהל מיך אַזוי שטאַרק, שאַפֿען, שאַפֿען. שאַפֿען!" (לייענט ווייעדער אונטער דער נאָז און גלייך מיט נאָך אַ גרעסערער פֿייערליכקייט און אַ געוויסער ווייכקייט") און, נון, האָף איך, וועלען זיך אָנהייבען ביי אונז גוטע טעג און אויף אַזאַ אופֿן, וועלכער קאָן אייך נישט גלייכגילטיג זיין". (הערט אויף צו לייענען). דאָס זענען אַ ביסעל פֿערשטעלטע, אָבער דאך גאַנץ קלאָרע דבורים. (מיט ליעבע און לאַסקע, איבערגעבענדיג פֿאַניען דעם בריעף) צווייפֿעלסט דו נאָך, דו גליקליכע? דו טייערע פֿאַניטשקע מיינע!

(נעהמט זי אַרום) אַך, דו ... (קושט זי שטאַרק).

פֿאַניע: האָסט דו אויך אַזוי פֿערשטאַנען? (אָטהעמט פלוצלונג אַרויס, אויפֿצוקענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער). אַך או! (פֿערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט'ן בריעף, דריקט איהם צו צו די ליפּען און אָטהעמט שווער. ביזלד נעהמט זי אַרויס דאָס טאַשענטיכעל פֿון דעם רעכטען אַרבעל און טראָגט עס צו צו די אויגען).

ליזע: (געריהרט, האַלטענדיג זי מיטביידע הענד אַרום דער טאַליע) פֿאַניטשקע מיינע! (דריקט זיך צו צו איהר) אַך, ווי איך פֿרעה מיך! דו, טייערינקע מיינע! (פֿערטרוימט) איך וויים שוין, ווי איך וועל היינט שפּיעלען ביי די גרינבערגס, מיין גאַנצע נשמה וועל איך אַריינלעגען, און דאָס וועט זיין די לוסטיגסטע, לאַכענדיגסטע נשמה, וועלכע האָט ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט.

פֿאַניע: (בויגט זיך אַראָב און קושט זי אויפֿ'ן קאָפּ). דו, גוטע מיינע!

ליזע. אַה, מיין חלום איז ענדליך מקוים געוואָרען!

פֿאַניע: (לאָזט זיך אַראָב אין לעהענשטול). דיין חלום?

ליזע: (חאַפּט פֿון טיש אַ שטיקעל מאַטעריע, שפּרייט עס אויס אויף דער פּאָדלאָגע און לאָזט זיך אַראָב אויף די קניע פֿאַר פֿאַניען). הערסט דאָך, איך האָב געטרוימט פֿאַר דיר אַ העלד,

פֿאַר וועלכען עס זאָל זיך וועלען אַראָב־נעהמען דאַס היטעל, נישט קיקענדיג אויף איהם אפילו, אַ זיגעס־מאַרש האָב איך געטרוימט פֿאַר דיר, פֿולע, שטאַרקע טענער, איין אויסנאַהם־מענש, איין איבער־מענש, ווי נור דו אַליין פֿערדיענסט איהם.

פֿאַניע: ששש, רייד נישט אַזוי.

ליזע: ניין, ניין, דאָס ווערט בײַ מיר נישט אַוועקנעהמען. כל זמן איך וועל לעבען, וועל איך נישט אויפֿהערען צו בעוואונ־דערן דיך, איך וויים נישט, צו וועל איך געפינען אַ סך שוועסטער אַזעלכע ווי דו, דו האָסט דאָך קיין מאָל אויף זיך נישט געקוקט, וועגען דיר נישט געטראַכט און געאַרבייט שווער און ביטער. צו מאַכען פֿון דיין שוועסטער אַ מענש, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אָפֿט בין איך געוועזען דיין שוועסטער אַלגאַ אַ גרויסער שונא, זי לעבט זיך דאָרט רוהיג און גליקליך אין פעטערבורג ווען דו...

(זי ענדיגט נישט).

פֿאַניע: (ווייך) ביזט אַ שלעכטע.

ליזע: איך האָב נישט געקאָנט צוזעהן, ווי דו אַרבייטסט דיך אָב.

פֿאַניע: איך בין אָבער געוועזען דערביי גליקליך, געפֿיהלט זיך ווי קיין צווייטע און איצט איז צו מיר קיין גלייכען ניטאָ, ווען איך זעה זי זעלבסטשטענדיג מיט אַ גרויסע צוקונפֿט פֿאַר זיך אַלס בעריהמטע מאַלערין.

ליזע. אַזאַ מין גליקליך זיין איז מיר נישט שטאַרק גע־פֿעלען, איך האָב געוואָלט פֿאַר דיר אַן'אַנדער גליק און בעפֿרי־דיגונג. דאָס גליק פֿון ווייב זיין, פֿון מוטער זיין, פֿון געליעבטע און ליעבענדע.

פֿאַניע: (טרוימעריש) איך האָב מיך געוועזען אָבגעלערענט צו זעהן אין דער ליעבע און אין דעם פֿאַמיליענלעבען דאָס איינ־ציגע גליק.

ליזע: דו, אָרימע!

פֿאַניע: ווען די מאַמע, איז געשטאָרבען, איז מיר מיין וועג געוועזען קלאָר: זיין מיין מיט אַכט יאָהר יונגערע שוועסטער אַנשטאַט אַ טאַטען און אַנשטאַט אַ מאַמען. דאָס ציעל איז מיר געוועזען גרויס און הייליג און איך האָב וועגען דעם גאָר נישט אַנדערש געטראַכט, נור אין די ערשטע צוואַנציגער יאָהרען — אַזוי צווישען צוויי און צוואַנציג און פֿינף און צוואַנציג — איז אויף מיר אָנגעפֿאַלען אַ בענקעניש נאָך עטוואָס אַנדערש, נישט ווייל זי איז מיר חס ושלום צו שווער געוואָרען, אָבער איך האָב געוואָלט

עס וואָס מעהר, אַ פּולעס לעבען, גליק און — און — ליעבע, דע-מאָלט פלעג איך אָפּט ווײנען, נאָס מאַכען די קישען מיט מײנע טרעהרען, און בין געװעזען זעהר אומגליקליך, און דעמאָלט פלעג איך אָפּט אַזוי בײז זײן — זעהסט איך בין גאָר קײן הײליגע נישט געװעזען.

ליזע: (ציהט אַראָב פאַניעס קאָפּ צו זיך און קושט זי.) דו, דו, דו!..

פאַניע: אָבער שפּעטער איז עס אַװעק פון מיר, װי מיט די הענד אָבגענומען. אַלוס איז עלטער געװאָרען, איהר טאַלענט האָט זיך אָנגעהויבען אַלץ מעהר אַרויסצוװײזען, דאַן האָב איך מיך אײנגאַנצען פערגעסען, און זי איז װיעדער געװאָרען מײן גאַנץ לעבען.

ליזע: און דאָס איז אַלץ?

פאַניע: װאָס נאָך מעהר? אמת, װען מײן שװעסטער איז אַװעקגעפאָהרען קײן פּעטערבורג, איז זי אַרויס פון אונטער מײן רשות, און איך בין געבליעבען אַלײן, האָט װידער אויפגעװאַכט אין מיר די אַלטע בענקעניש, אָבער איך האָב מיר געזאָגט, אַז אין מײנע יאָהרען קאָן איך שוין ניט װאַרטען אויף גליק און ליעבע — אויף דאָס גליק און דער ליעבע, און איך האָב מיר אָנגעטהון אַ כח אַרויסצורײסען, אויסצװאָרצלען פון מײן האַרצען יעדע בענקעניש, איך האָב מיר געזאָגט, מײן צװעק אין לעבען האָב איך שוין דערגרײכט — איך האָב אַנ־אונבעהאָלפען קינד אַרויסגעהאָלפען און געשטעלט אויף די פיס — —

ליזע: אָבער דו האָסט דאָך געליעבט בערמאַנען?

פאַניע: יאַ, איך האָב איהם געליעבט די גאַנצע צײט, אָבער איך האָב בעקעמפפט אין מיר דאָס געפיהל. דאָס לעבען האָט מיך אויסגעלערנט צו בעצװינגען און אונטער־דריקען מײנע פערלאַנגען. איך האָב מיר געזאָגט: ער איז צו הויך פאַר מיר —

ליזע: פאַר דיר צו הויך?

פאַניע: און איך בין צו אָבגעלעבט פאַר איהם, און דאַן האָב איך מיר געזאָגט, אַז זײנע טעגליכע בעזוכען זענען צופעליגע, געהערען נישט מיר, נאָר זײן בעסטען פרײנד און שװעסטערקינד הינדעס'ן, װעלכער װאױנט צופעליג בײ מיר.

ליזע: אָבער װי אַזוי האָסטו גאָר נישט אַרויסגעפיהלט, אַז ער איז צו דיר נישט גלײכגילטיג? אין זײנע אויגען האָסטו עס דאָך געדאַרפט אַרויסלײענען!

פאַניע (שמײכעלט) זעהסט דאָך! — און אפשר איז עס

דער־פֿאַר, וואָס איך האָב געטריבען פֿון מיר יעדען געדאַנק וועגען ליעבע, און האָב מיך געוואָלט איינשמועסן, אַז איך בין שוין איין אָבגעדאַרט צווייגעל אויף דעם בוים פֿון לעבען — —

ליזע: (שפרינגט אויף) אָ, ווי דו האָסט געזינדיגט געגען דיר!

פֿאַניע: (שטעהט אויך אויף). אָבער איצט איז ווידער זאַפֿט און קראַפֿט אין מיר, איצט בין איך ווידער יונג. — אַך לעבען, לעבען! — לעבען און געניסען דאָס לעבען, טרינקען עס מיט'ן פֿולען אָטהעם, פֿיהלען עס מיט יעדעם פּולס־קלאַפּ — — אַך, ליזע! דו שפּיעל מיר איצט אַ זיעגעסמאַרש ·

אַ פֿריידענס־ליעד, אַ יודעל־געזאַנג...

ליזע: אַז די ווענד זאָלען טאַנצען און די הימלען זאָלען צוזינגען, (לאָזט זיך צו דער טהיר לינקס, זינגענדיג: פריידע, טענער געטער־פֿונקען טאָכטער עלאוס עליזיום, וויר בעטרעטען... בלייבט שטעהן · שאַ, הינדעס געהט! (הערט זיך צו).

פֿאַניע: (וועלכע איז געשטאַנען אין אַ פֿערציקונג, גיט זיך אַ טרייסעל מיט'ן גאַנצען קערפּער און טראָגט צו דעם פֿינגער צו דער נאָז אַרויסשעפּצענדיג). זאָג איהם גאָר נישט.

ליזע: ניין, ער מוז עס וויסען, ער מוז זיך אויך פֿרעהען, אויב ער האָט דיך ווירקליך ליעב, מוז ער זיך אויך פֿרעהען. און דאַן זאָל ער איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגען זיך פֿון קאָפּ.

פֿאַניע. זיי דאָך נישט אַזוי שלעכט.

ליזע. אַי, געה!... הינדעס! הינדעס!

פֿאַניע. דו דאַרפֿסט דאָך שוין געהן צו די גרינבערגס.

ליזע. איך האָב נאָך אַביסעל צייט... הינדעס! הינדעס!

הינדעס. (בעוויזט זיך אין דער הינטער טהיר, אין ברילען, אונטער דעם לינקען אָרם אַ קוליע, אונטער דעם רעכטען ביכער און אין די הענד פּאַפּירענע זעקלעך מיט עסענוואַרג.

פֿאַניע. גנב'עט זיך אַרויס פֿון דער טהיר לינקס.

הינדעס. גוטנ'אָווענד, וואָס איז דאָס מער?

ליזע. אויף גיך אַהער! פֿאַ — —

הינדעס. וועט מיר אפשר ערלויבט זיין אַריינצוטראָגען די פּעקלעך אין מיין צימער?

ליזע. אָבער אַ האָהר אויף נישט! פֿאַניע — —

הינדעס. נעהמט אַרויס פֿון איין זעקעל אַנ'עפּעל). נאָט אייך אַנ'עפּעל.

ליזע: (נישט נעהמענדיג עפעל). אַך, לאָזט דאָך אַרויס־ רײדען! פֿאַ — —

הינדעס. וועט מיר אפשר ערלויבען זיין צו צוזעצען זיך?

ליזע. (שרייט אויס) פֿאַניע האָט ערהאַלטען אַ בריעף פֿון בערמאַנען!

הינדעס. — — צוזעצענדיג זיך). אָז מען האָט אָנגע־ נומען זיין דראַמע. איך האָב אויך ערהאַלטען אַ בריעף פֿון בערמאַנען.

ליזע. דאָס איז גאָר נישט, דער עיקר איז, ער שדכנ'ט זיך צו איהר, ער מאַכט איהר אַזוי גוט ווי אַנ'אַנטראַג.

הינדעס. (העכסט פֿערוואונדערט) אַזוי גוט ווי אַנ'אַנ־ טראַג? פֿאַניען?

ליזע. יאָ, און אַז פֿאַניע וועט אַרויסקומען, זאָלט איהר איהר אָבגעבען אַ רעכט פֿריינדליכען מזל ט"ב און איהר זאָלט קיין עגאאי ...' (פֿערחאַפּט זיך) הם, איך האָב ש ער נישט געזאָגט קיין נאַרישקייט. — אַך, איך בין אַזוי פֿול מיט פֿרייד, אין איך וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך פֿרעהען, הערט איהר, איהר זאָלט איהר העלפֿען פֿרעהען זיך, הערט איהר? און איצט האָט מיר אַ גוטען אָבענד, איך מוז שוין לויפֿען צו די גרינבערגס.

(לאָזט זיך צו דער טהיר לינקס, זינגט): „פֿריידע, טענער געטער־פֿונקען ..."

הינדעס (הופּט איהר נאָך) אָבער צום טייוועל! פֿריילין עהרליך!

ליזע. (אין טהיר), איך האָב איצט צום טייוועל קיין איין מינוט צייט נישט. (פֿערשווינדט).

הינדעס. (שטייסט אַ . ב אַ בייזען טאָן, וואַרפֿט אויף דר'ערד זיין קליע, לעגט אַזעק ביים שטיהל זיינע ביכער מיט די זעקלעך און ברומט אונטער). וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לצנות! (נעהמט ארויס פֿון בוזים־קעשענע אַ בריעף און קוקט אַריין, קוקט איבער איין זייט און די צווייטע, דאַן ווידער די ערשטע, דאַן ווידער די צווייטע שטויסט ווידער אַרויס זיין בייזען טאָן, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין האַנד, וועלכע איז אָנגעלעהנט אויף דעם קאָפּ, און קוקט פֿאַר זיך מיט'ן בליק פֿון נישט בעגרייפֿען עפּיס.

פֿאַניע. (קומט אַריין. גאַנץ פֿערלעגען) גוטען אָבענד, הינדעס!

הינדעס. (ברומט אָב, נישט ענדערנדיג זיין פּאָזע). גוטנ'אָבענד!

פֿאַניע. (וואַרפֿט איף איהם אַ פֿערלעגענהייט-בליק און הויבט אן צו בעשעפֿטיגען זיך מיט מאַנטלען, הויבט אן צו בעשעפֿטיגען זיך מיט מאַנטלען, העלבע הענגען אויף די פֿיגורען).

הינדעס. (ענדערט נישט זיין פּאָזע און קלאַפּט-אונטער מיט'ן פֿוס. באַלד הערט ער אויף צו קלאַפּען און זאָגט, נישט קוקענדיג אויף פֿאַניען). פֿרייליין סעגאַל, וועט מיר ערלויבט זיין אַריינצוקוקען אין בערמאַנס בריעף?

פֿאַניע. (לאַכט אָב פֿערלעגען). דאָס איז אַ ביסעל אונדיסקרעט — נישט זעהר מעשה קאַוואַליער.

הינדעס. (אין דער זעלבע פּאָזע אין דעם זעלבען טאָן). וועט מיר ערלויבט זיין אַריינצוקוקען אין בערמאַנס בריעף?

פֿאַניע: (פֿערלעגען לאַכענדיג, וואַרפֿט איהם צו דעם בריעף, וועלכען זי האָט געהאַלטען אין אַרבעל). קוקט אַריין אויב איך ווילט זיך אַזוי.

הינדעס. (בויגט זיך לאַנגזאַם איין, דערלאַנגט דעם בריעף, צוריקקענדיג צו איהם, זעצט זיך צוריק און קוקט אַריין, באַלד ברומט ער אב). הת, זאָ! (לאָזט אַראָב דעם בריעף אויף דאָס קניע, שטעלט ווידער אָן דעם בליק אין דער ווייט, טרייסעלט נערוועז מיט'ן פֿוס און ברומט-אונטער ווי פֿאַר זיך). אַזאַ אידיאָט צו זיין!

פֿאַניע: (קוקט איהם ערשטוינט אָן).

הינדעס. (שטילער אַביסעל). אַזאַ אידיאָט צו זיין!

פֿאַניע: (מיט דעם פֿערלעגענהייטס-לאַכען), ווער?

הינדעס: נישט איך. (הייבט אויף זיין קיליע מיט די ביכער און זעקלעך, שטעהט אויף און טראָגט-צו צו פֿאַניען דעם בריעף).

פֿאַניע. (ווייך, מיט געבעט). הינדעס, זייט דאָך נישט אַזוי אָנגערוקט, איהר מאַכט מיך גאַנץ טרויעריג.

הינדעס. איך געה צו מיר אין צימער, וועט איהר מיך ניט זעהן.

פֿאַניע. (ווי פֿריהער) רעדט נישט צו מיר אַזוי, הינדעס. זייט מיר מיין גוטער פֿריינד, ווי שטענדיג. (שטילער און פֿערלעגענער) איז זייט גוט צו בערמאַנען, איהר ווייסט דאָך, צווישען אונז, צווישען אייך און מיר, האָט דאָך סיי ווי סיי גאָרנישט געקאָנט זיין.

הינדעס. דאָס דאַרפֿט איהר מיר נישט זאָגען, איך ווייס וואָס איך ווייס און האָב צו אייך גאָרנישט.

פֿאַניע. היינט וואָס זייט איהר אַזוי אָנגערוקט און זי־
דעלט אַייך?

הינדעס. ווייל...

פֿאַניע. ווי ווייל?

הינדעס. (שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, שטירעמט
אַרוים) ווייל אין כעס בין איך! שרייבט דער מענש אַזאַ אינפֿער־
שטענדליכען, צווידייטיגען, העכסט אונגעלומפערטען זאַץ און
פֿערקאָכט אַ גאַנצע קאַשע.

פֿאַניע. וואָס מיינט איהרדערמיט?

הינדעס, וואָרום, פֿרייליין סעגאל, איהר ווייסט, וועלכע
געפֿיהלען איך טראָג צו אַייך, און איהר ווייסט, אַז איך ווינש
אַייך אַל דאַס בעסטע, און איך פֿערזיכער אַייך, אַז איך וואָלט
גאַנץ טיעף אין מיר פֿערגראָבען מיין וועהטאָג און מיין בענקעניש
און וואָלט מיך געפֿרעהט פֿון גאַנצען האַרצען, ווען עס וואָלט
געוועזען אַזוי, ווי איהר האָט פֿערשטאַנען בערמאַנס בריעף.

פֿאַניע. ווי איך האָב פֿערשטאַנען בערמאַנס בריעף?

הינדעס, און וואָס מיך מאַכט אין כעס אין פֿערצוויי־
פֿעלט, איז, אַז אַייך גראָד האָט עס געדאַרפֿט טרעפֿען און איך
זאָל דאָ מוזען זיין דער אָפּעראַטאָר אויף אַראָבצונעהמען די
בעלמא פֿון אייערע אויגען.

פֿאַניע, (העכסט איפֿגערעגט) רעדט אהן משלים, ענדיגט
אייער אַרבייט, דערשנייט, אַז איהר האָט שין אָנגעהויבען צו
שניידען.

הינדעס. (קוקט נישט אויף איהר און רעדט אַרוים אָנ־
גערוקט). בערמאַן האָט געמיינט נישט אַייך.

פֿאַניע. נישט מיך??

הינדעס. נישט אַייך, נור אַייער שוועסטער.

(פֿאַניע. (שרייט אויף) אָה!

הינדעס. ער שרייבט מיר, אַז די בעגעגונג מיט אַלגאַן
איז איהם געוועזען, ווי ער וואָלט די שכינה ענטדעקט, אַז ביס־
לעכווייז איז ער אָנגעצונדען געוואָרען פֿון אַ פֿייערדיגער ליעבע
און האָפֿט, אַז די ליעבע איז געגענזייטיג, אַז...

פֿאַניע. (פֿאַלט אויף אַ שטוהל מיטן געזיכט אויפֿן טיש
און ברעכט אוים אין אַ יאָמער). אַלץ האָט זי ביי מיר אַוועקגע־
נומען! (אין העכסטער פֿערצווייפֿלונג, מיט געשרייען פֿון טיעפֿען
האַרצען, וואַרפֿט זי אַרויף די הענד איפֿן קאָפּ און צופט זיך
די האָהר).

הינדעס. (לאָזט אַראָב די ביכער מיט די פעקלעך אויף די פּאָדלאָגע, הינקט צו פֿאַניען און נעהמט אַראָב איהרע הענד פֿון קאָפּ). איהר זייט בערעכטיגט צו וויינען, אָבער נישט אָנצוטהון זיך אַ לייד.

פֿאַניע. (היסטעריש) אַלץ האָט זי ביי מיר אַוועקגענומען! מיין שטרעבען צום לערנען, מיין יוגענד, מיינע בעסטע האָפֿנונגען, און איצט...

הינדעס. און איצט? — גאָר נישט. בערמאַן האָט אַייך, ווי איהר זעהט, גאָר נישט געליעבט. ווען נישט דער אונגליקליכער, צווייפעלהאַפֿטער, העכסט אומגעלומפּערטער, איינפֿאַך אידיאָטישער זאַך...

פֿאַניע. (שטיל). הינדעס, איך פֿיהל, אַז איך וויל נישט מעהר לעבען.

הינדעס. אונזין!

פֿאַניע. איך פֿיהל אַז אין האַרצען איז מיר געוואָרען אַ לאָך. עס איז מיר פּיסט און וויסט ביי דער נשמה, ווי איין אָבגרונד וואָלט זיך אויפֿגעעפֿענט פֿאַר מיר... צו וואָס זאָל איך נאָך לעבען? איך קאָן נישט מעהר לעבען!

הינדעס. אונזין! אונזין!

פֿאַניע. איך האָב מיין לעבען שוין אָבגעלעבט...

הינדעס. יאָ!

פֿאַניע. (פֿערוואָרפֿט דעם קאָפּ אויף דעם ווענטעל פֿון שטוהל. האַרט). איך ווייס, וואָס איך רייד, און ווייס, וואָס איך האָב צו טהון. פּויזע.

הינדעס (די גאַנצע צייט אָנקוקענדיג זי מיט אַ שאַרפֿען בליק. גראָב). איהר טראַכט איצט, וועלכען טויט צו מאַכען זיך.

פֿאַניע. (גיט זיך נישט קיין ריהר).

הינדעס. (זעצט זיך) איך וועל אַייך דערצעהלען אַ מעשה. אַמאָל איז געוועזען אַ מאַן, וועלכער — איז נישט דורך פֿערצווייפֿלונג און אומגליק, נור דורך וואוילטאָג און פֿערגניגען געקומען צום בעשלוס, אַז דאָס לעבען איז נישט ווערט געלעבט צו ווערען, און ער איז אַוועקגעגאַנגען קויפֿען זיך אַ רעוואָלווער, ווי ער געהט אַזוי, האָט איך איבערגעבראָכען אין גאַס אַ שרפה. אַ פֿיערשטאָקיג הויז האָט זיך אָנגעצונדען און איז אין איין אייגענבליק געשטאַנען אין פֿלאַמען. פּלוצלונג האָט זיך אין איינעם פֿון די

פֿענסטער פֿון דעם אויבערשטען גאָרען בעוויזען אַ פֿרויענפֿיגור. די פֿייערלייט האָבען צוגעשטעלט די העכסטע לייטער און אַ מאַן האָט אָנגעהויבען צו קלעטערן אויף איהר. דאָס איז געוועזען אונזער זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט, ער האָט אַרויסגענומען די פֿרוי פֿון פֿענסטער, איבערגעגעבען זי צו די פֿייערלייט, וועלכע זענען נאָכגעקראָכען נאָך איהם, און אַליין איז ער אַריין דורך דאָס פֿענסטער אין דאָס הויז. דער אַרומשטעהענדיגער עולם איז געשטאַנען אין שרעק, וואַרטענדיג יעדע מינוט, אַז דאָס הויז וועט איינפֿאַלען. דאָס פֿייער האָט אָנגעהויבען צו זעצען פֿון די איבערשטע פֿענסטער, און באַלד איז מען געוועזען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען אין די פֿלאַמען. אָבער ער איז נישט אומגעקימען. ער איז ערשיענען אויפֿ'ן דאַך מיט אַ קליינעם קינד אויף די הענד. די לייטער האָט אַזוי הויך נישט דערלאַנגט, און די פֿייערלייט האָבען איהם צוגעוואָרפֿען אַ שטריק; ער האָט אַרומגעבונדען דאָס קינד און אַראָבגעלאָזט עס צו די פֿייערלייט, פֿאַר איהם אַליין אָבער איז קיין רעטונג נישט געוועזען. ער האָט צונויפֿגעלעגט די הענד אויפֿ'ן האַרצען, און פֿון זיינע אויגען האָבען זיך געקייקעלט טרעהרען, ער, דער זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט, האָט נישט געוואָלט שטאַרבען. ער האָט געוואָלט לעבען, ווייל אין דעם מאָמענט האָט ער געפֿונען אַ ציעל: לעבען און גוטס טהון.

פֿאַניע. (בייז). גוטס טהון! איך בין שוין מיעד פֿון טהון!

הינדעס. זינדיגט נישט געגען אייך אַליין, פֿאַניע!

פֿאַניע. גוטס טהון! איך האב געטהון גוטס, איך האָב געלעבט נישט פֿאַר מיר, און אָט זעהט איהר דאָך, אַז איך האָב מיין לעבען נישט אויסגעפֿילט, איך פֿיהל מיך איצט עלענד, ווי די עלענדסטע, ווי די שלעכטעסטע, און איך בענק נאָך דעם טויט, ווי די אומגליקליכסטע.

הינדעס. (בעטראַכט זי פֿון אונטער די ברילען). וויים אַלגאַ פֿון אייערע געפֿיהלען צו בערמאַנען?

פֿאַניע. (בייז). איך ווייס נישט, וואָס זי ווייס.

הינדעס. קאָנט איהר מיר ניט געבען קיין אַנשטענדיגערן ענטפֿער?

פֿאַניע. וואָס ווייס איך, וואָס? איך פֿלעג איהר שרייבען גאַנץ בעגייסטערטע בריעף איבער איהם.

הינדעס. האָט אַלגאַ געקאָנט דרינגען פֿון זיי, אַז איהר זייט צו איהם נישט גלייכגילטיג?

פֿאַניע: וואָס פֿרעגט איהר עפּיס ווי אַ סלעדראָוואַטעל?

הינדעס. ווייל איך טראַכט, אַז אויב איהר זאָלט טהון דאָס, וואָס אַייך ווילט זיך איצט אַזוי אַן וואָס איך וויל פֿון מיין מייל ניט אַרויס ריידען, וועט אָלגאַ גאָר ניט אַננעהמען בערמאַנס ליעבע, נאָר זי וועט זיך אַליין נעהמען דאָס לעבען קיקענדיג אויף זיך, ווי אויף די אַרזאַכע פֿון אייער טויט.

פֿאַניע: וואָס האָט איהר דאָ צוזאַמענגערעדט?

הינדעס. וואָס איהר האָט געהערט.

פֿאַניע: מיינט איהר?..

הינדעס. איהר קאָנט אייער שוועסטער אין דאַרפֿט וויסען, וואָס זי וועט טהון.

פֿאַניע. (ברעכט ווידער אויס אין אַ געוויין). פֿריהער האָט זי ביי מיר צוגענומען דאָס לעבען, איצט לאָזט זי מיך ניט שטאַרבען! (לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויפֿן טיש).

הינדעס: דאָ איז שוין אַ טאָן פֿון דער אַלטער פֿאַניע.

פֿאַניע. (וויינט ביטערליך).

הינדעס. וויינען וועל איך אייך לאָזען, וויינט אַ סך, אַזוי לאַנג ווי איהר האָט נאָך טרעהרען, אָבער דאַן זאָלט איהר אייך גוט אויסטריקענען די אויגען און מעהר קיינמאָל ניט וויינען, אויסטריקענען אויף אייביג די גאַנצע קוואַל פֿון טרעהרען, פֿערשטעהט איהר מיך, איך האָב דאָס געטהון. אַזעלכע מענשען, ווי איהר און איך, אויסגעשלאָסענע פֿון פערזענליכען גליק, דאַרפֿען אָדער נישט אויפֿהערען צו וויינען, אָדער קיינמאָל נישט וויינען. איך האָב אויסגעקליבען דאָס לעצטע. פֿערהאַרטעוועט אייך, פֿאַניע, און דאַן לעגט צונויף די הענד אויף דער ברוסט און קוקט רוהיג אין לעבען אַריין און פֿילט עס אויס, ווי אייער האַרץ הייסט אייך.

פֿאַניע. (וויינט נאָך אַלץ).

הינדעס. (בעמערקט דערווייל בערמאַנס בריעף אויפֿן טיש, נעהמט איהם אויף און גיט איהם צוריק אַ שמייץ). אַזאַ אומגעל מפערטער, אַזאַ אידיאָטישער זאַץ! און דאָס איז נאָך אַ דיכטער!

פֿאַניע (הויבט אויף דעם קאָפּ) אויף אַזאַ אויפֿן וועט זיך דאָך אָלגאַ סיי ווי סיי אָבזאָגען פֿון בערמאַנען. זי וועט מיינען אַז זי נעהמט איהם אָב פֿון מיר, און דאָס וועט זי נישט וועלען.

הינדעס. מעגליך. (פלוצלינג האַרט) וואָס וועט אָבער איך אַרויסקומען דערפֿון?

פאַניע. (געבראָכען). ווער טראַכט וועגען זיך? איך מיין זי, איך וויל, זי זאָל איהם האָבען.

הינדעס. ווידער די אַלטע פאַניע!

פאַניע. אַך, הערט אויף מיט דעם! גיט בעסער אַן־עצה.

הינדעס. אַן־עצה? זייט איהר שרכנ׳טע.

פאַניע. אין ווען זי וועט וועלען מאַכען פערקעהרט און זיין מיין שדכנ׳טע?

הינדעס. דאַרף מען טראַכטען. פויזע.

פאַניע. (געבראָכען) הינדעס!

הינדעס. וואָס?

פאַניע. איך האָב אַן־עצה.

הינדעס. איז גוט.

פאַניע. איך דאַרף אייער הילף.

הינדעס. אויב איך קאָן, וועל איך העלפען.

פאַניע. זאָגט איהר צו?

הינדעס. בלינדערהייט?

פאַניע. בלינדערהייט.

הינדעס. (בעטראַכט זי) פאַר וואָס מוז איך אייך עס צוזאָגען בלינדערהייט? אויב איך קאָן, וועל איך העלפען.

פאַניע, (געבראָכען און פערלעגען). נעהמט מיך... האָט מיט מיר חתונה.

הינדעס, (קוקט זי אַ ווײַלע אָן, דאַן הייבט ער אויף זיין קיליע מיט זיינע ביכער און פעקלעך).

פאַניע. (מיט געבעט) הינדעס! ווען איך וועל חתונה האָבען, וועט אָלגאַ קיין שום מניעה נישט האָבען.

הינדעס. פריילין סעגאַל, איך האָב אייך געליעבט און ליעב אייך, אָבער איך וויל נישט זיין דער מזבח. אויף וועלכען איהר זאָלט אייך מקריב זיין.

פאַניע. איהר האָט מיך ערשט אָבגעערעדט פון טויט, זוילט איהר מיך איצט ווידער טרייבען צו איהם?

הינדעס. אייער שוועסטער וועט קאָנען זיין גליקליך אָהן בערמאַנען.

פאַניע. אָבער ווען זי ליעבט איהם?

הינדעס. וועט זי ליידען, ווי מיר אַלע ליידען.

פאַניע. ניין, אָלגאַ זאָל נישט ליידען! איהר הערט, איך זויל עס נישט!

הינדעס. דאָס איז שען פֿון אײך.

פֿאַניע. (דורך טרעהרען) הינדעס איך רערקען אײך נישט מעהר.

הינדעס. (קעהרט זיך אוים צו דער טהיר). אַ גוטע נאַכט.

פֿאַניע. (ברעכט אוים אין אַ געוויין).

הינדעס. (הינקט צו דער טהיר, בלייבט אָבער שטעהן, קוקט צו דער פֿאָדלאָגע, דאַן הייבט ער אױף זיין בליק אויף פֿאַניען). פֿריילײן סעגאַל, פֿאַר וואָס האָב איך די גאַנצע צייט, וואָס איך ליעב אײך, נישט ערקלערט זיך אײך אין ליעבע און נישט פֿאָרגעשלאָגען אײך חתונה צו האָבען מיט מיר?

פֿאַניע. (וויינט).

הינדעס. איך וויל עס מיר ערקלערען. האָב איך עס דען נישט געטהון, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איהר ליעבט מיך נישט און איך האָב געוואָלט אײער ליעבע, נישט בלויז אײער אַכטונג?

פֿאַניע, (פֿעסט). ניין, איהר האָט עס נישט געטהון, ווייל איהר האָט געוואוסט, אַז איך וועל אײך אָבזאָגען.

הינדעס, און ווען איך וואָלט מיך גערינכט אויף יאָ?

פֿאַניע. וואָלט איהר עס געטהון.

הינדעס, און חתונה געהאַט מיט אײך אָהן אײער ליעבע?

פֿאַניע. יאָ.

הינדעס. אָבער דאַן האָב איך נישט געוואוסט, אַז איהר ליעבט אַנ׳אַנדערן.

פֿאַניע. (געבראָכען) דער אַנדערער עקזיסטירט שוין מעהר פֿאַר מיר נישט.

הינדעס. לאָזט ווידער אַראָב זיין בליק צו דער פֿאָדלאָגע. (פּויזע).

פֿאַניע. הינדעס!

הינדעס. יאַ!

פֿאַניע. קומט צו נעהנטער.

הינדעס. איך הינק.

פֿאַניע. לעגט דאָס אַלץ אַוועק.

הינדעס. (פֿערציהט אַ ווײלע, דאַן לעגט ער אַוועק די ביכער, מיט די זעקלעך).

פֿאַניע. (ווי פֿאַרלעגען) אַלץ ... אַלץ ...

הינדעס. (האַרט). שעמט אײך נישט, זאָגט איינפֿאַך! לעגט אַוועק די קוליע אויך. (ער לעגט אַוועק די קוליע).

פאַניע. (שטעהט אויף און נעהמט אָן זיין האַנד) הינדעס, די ווייסט מיין מיינונג יועגען דיר, די ווייסט, ווי הויך איך שעץ דיך, ווי גליקליך איך האָב מיך שטענדיג געפיהלט צו האבען אין דיר אַ גוטען, טייערען פריינד... (לעגט אויף איהם ארויף דעם קאפּ, מיט לאַסקע) נעהם מיך אַרום און גיב מיר אַ קוש, אַ וואַרימען, הייסען קוש, לעג אין איהם אַריין דיין גאַנצע ליעבע, דריק אין איהם אויס דיין גאַנצע טרייע נשמה. (געבראָכען וויינענדיג) איך זאָג דיר צו, עס וועט גוט זיין — אונזער ליעבען. מיר, פון גליק פערגעסענע, וועלען נאָך גליקליך זיין — אויף אונזער אויפן — ווי מיר קאָנען. (מוטהיגער) וועסט זעהן, וואָס עס וועט באַלד זיין. ליזע וועט קומען, וועט זי אונז שפּיעלען א יובעלמאַרש אַ פריידענס מאַרש... (געבראָכען). זי איז מיר איהם שולדיג!... (ווידער מוטהיגער). און איך וועל טאַנצען. דו קאָנסט נישט טאַנצען, וועל איך טאַנצען פאַר צווייען, וועסט זעהן. און זינגען וועל איך, און איבערקעהרען וועל איך אַ וועלט, הינדעס, קוש מיך, שטאַרק, שטאַרק...

הינדעס. (לײדענשאַפטליך, דורך טרעהרען). דו... דו.. (ווערט פערלױערט אין אַ לאַנגען קוש). —

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ענדע